ס״ה 1978 [illegible] 17 - 30

…סאַנדער שיפּמאַן

# לעוו טאָלסטאָי און שאָלעם-עליכעם

…לע בעסטע רוסישע שרײַבער, איז לעוו
… געווען א פּרינציפּיעלער קעמפער
…נאַציאָנאַלן דרוק און רעכטלאָזיקייט,
… האָבן געהערשט אין צאַרישן רוסלאַנד,
… גלײַכבארעכטיקונג פון פעלקער און
…ענטשאַפט. געקעמפט האָט ער מיט זײַן
… קינסטלערישער פען, מיט זײַן לײַדנ־
…כן פּובליציסטישן וואָרט, מיטן פּערזענ־
…בײַשפּיל פון זײַן גאַנץ לעבן. אָט די פּיל־
… סטיקייט פון לעוו טאָלסטאָי האָבן
…עצט די קולטור־מײַסטערס אין רוס־
… זײַן צײַט, — איוואַן פראַנקאָ און לע־
…קראַינקאַ, איליאַ טשאַווטשאַוואַדזע און
… צערעטעלי, אָוואַנעס טומאַניאַן און סטע־
…אָמיאַן און פיל־פיל אַנדערע, — זיי אַלע,
…סטע זין פון זייערע פעלקער, די הומאַ־
… און אופקלערער האָבן ניט בלויז גע־
… זיך בא טאָלסטאָיען קינסטלערישע מײַ־
…שאַפט, נאָר אויך געזען אין אים דעם
…ידיקער פון די אונטערדריקטע פעלקער,
…עמפער פאַר זייער סאָציאַלער און נאַציאָ־
… באַפרײַונג.

…שן די קולטור־טוער, וואָס מיט זיי האָט
…דגעהאַלטן פרײַנטלעכע קאָנטאַקטן לעוו
…סטאָי, איז געווען דער שילדערער פון די
… „קליינע מענטשעלעך“, פון די אָרעמ־
… פאָלקס־שיכטן, — שאָלעם־עליכעם.

…אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ האָבן אין טאָלסטאָיס
…נלעכער ביבליאָטעק זיך פאַרהיט פיל
…רעצונגען פון די ווערק פון ייִדישע שרײַ־
… דערונטער שאָלעם־עליכעמס ווערק און
…דישע ביכער, וועלכע עס האָבן אים צוגע־
… פאַרשיידענע אַווטאָרן. סאַכאַקל האָבן אין
… ביבליאָטעק פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ זיך גע־
… מער פון 100 ביכער און עטלעכע הונ־
… זשורנאַל־אַרטיקלען, געווידמעט דעם
…ן לעבן אין רוסלאַנד. ווען מע זאָל צו
… צוגעבן די ברייטע קאָרעספּאָנדענץ (מער
…200 בריוו), וועלכע טאָלסטאָי האָט געפירט
… דער טעמע מיט פאַרשיידענע מענטשן,
… זײַנע פּערזענלעכע באַגעגענישן מיט זיי,
… אַבסאָליוט קלאָר דער דיאַפּאַזאָן פון זײַ־
…נטערעסן בנוגע דער ייִדישער קולטור,
…כטע, ליטעראַטור.

…דאָס רוסישע פאָלק איז שטענדיק געווען
… דער שאָוויניסטישער פּאָליטיק פון דער
…ישער רעגירונג. די בעסטע זין פונעם רו־
…סישן פאָלק זײַנען אַקטיוו אַרויסגעטראָטן פאַר
דער איינהייט פון אַלע פעלקער און פעלקער־
שאַפטן פון רוסלאַנד. די פאָרגעשריטענע רוסי־
שע ליטעראַטור האָט געדינט אַלס אָנשפּאַר פאַר
די נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן פון רוסלאַנד, וועל־
כע האָבן געשילדערט דעם דראַנג פון זייערע
פעלקער צו גלײַכבארעכטיקונג און פרײַהייט.
די דאָזיקע נאָבעלע טענדענץ האָבן אָנשווילעך
געשפּירט די אָנגעזעענסטע קולטור־טוער פון די
פעלקער פון רוסלאַנד, צווישן זיי שאָלעם־עלי־
כעם.

שאָלעם־עליכעם איז געווען אַן אָנהענגער
פון די שעפערישע פּרינציפּן פון די אָנגעזעענ־
סטע שרײַבער פון זײַן צײַט, ער האָט צוזאַמען
מיט זיי געקעמפט פאַר רעאַליזם אין דער לי־
טעראַטור, קעגן דער מאַגיפּע פון מאָדערניזם
און דעקאַדאַנס. „אונדזערע וועגווײַזער, — האָט
געזאָגט שאָלעם־עליכעם, — דאַרפן זײַן אַזעלכע
שרײַבער, ווי טאָלסטאָי, ווי טשעכאָוו, וועמען
עס זײַנען פרעמד פּוסטע פּילפּולים, זיי פּוצן זיך
ניט פאַר די לייענער, שרעקן זיי ניט איבער
מיט טיפזיניקע גריבלענישן, וועלכע זײַנען ניט
צוטריטלעך פאַרן פאַרשטאַנד פון א מענטשן
פון א גאַנץ יאָר. די דאָזיקע שרײַבער שרײַבן
אופריכטיק, וואָרהאַפטיק, פּראָסט־פּאָשעט, אַזוי,
אַז אַלע פאַרשטייען זיי. אָט בא וועמען מע
דאַרף זיך לערנען שרײַבן“[1]. „די קראַפט פון דער
רוסישער ליטעראַטור, פלעגט זאָגן שאָלעם־
עליכעם, — איז אין איר לײַבלעכער פאַרבינ־
דונג מיטן פאָלק. סײַ בא גאָרקין, סײַ בא טאָל־
סטאָיען דערגרייכט די קונסט איר שליימעס
דערפון, וואָס מיטן האַרצן און מיטן געדאַנק
זײַנען זיי מיטן לייענער“[2].

דעם 6—7 אַפּרעל 1903 איז אין קעשענעוו
אויסגעבראָכן דער באַוווסטער ייִדן־פּאָגראָם. א
פינצטערער, צעווילדעוועטער האַמוין, אָנגע־
העצט מיצאַד דער שוואַרצער מייע, האָט מיט
די בראָכעס פון דער מאַכט און פון דער קירך,
בא דער מיטהילף פון דער פּאָליציי, צוויי טעג
און צוויי נעכט געווילדעוועט אין די ייִדישע
געסלעך, גערויבט די הײַזער, דערהאַרגעט ייִדן,
ווער עס איז זיי געקומען אונטער די הענט, —
פרויען, זקנים און קליינע קינדער. די דאָזיקע

---

[1] שאָלעם־עליכעם־בוך, אויסגאַבע פון „איקוף“. אַרטיקל פון בערקאָוויטש. „שאָלעם־עליכעם אין דער שרײַבער־מישפּאָכע“. ניו־יאָרק, 1958, ז. 158.

[2] דאָרט, ז. 170.

געשעעניש האָט אופגערודערט גאַנץ רוסלאַנד. די לענינישע „איסקרא“ האָט אין א ריי אַרטיקלען געשטעלט צום שאַנד־סלופּ די פּאָגראָם־פּאָליטיק פונעם צאַריזם, אופגעדעקט איר קלאַסן־טאָך. דער ציל פון דער רעגירונג איז געווען — אָנהעצן איין טייל פון דער באַפעלקערונג אפן צווייטן, צעשיידן זיי און דערמיט אָפּשוואַכן די איינהייט פון די אַרבעטס־מאַסן ערעוו דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע.

דער קעשענעווער פּאָגראָם האָט אַרויסגערופן א צאָרן צווישן די ברייטע קרייזן פונעם רוסישן פאָלק. גאָרקי, טשעכאָוו, קאָראָלענקאָ, רעפּין, בריוסאָוו, קופּרין, ווערעסייעוו, שאַליאַפּין, ראַכמאַנינאָוו און פיל אַנדערע האָבן, יעדערער אף זיין אויפן, פאַרורטיילט אפן שאַרפסטן אויפן דעם צאַריזם, אויסגעדריקט זייערע הייסע סימפּאַטיעס צו די קאָרבאָנעס פונעם פּאָגראָם.

וו. אי. לענין האָט אין זיין אַרטיקל „ל. נ. טאָלסטאָי“ געשטעלט די פּאָגראָמען, וועלכע דער צאַריזם אינספּירירט, אין איין ריי מיט אַזעלכע העסלעכע אַקטן פון דער רעאַקציע, ווי דאָס אַרייַנוואַרפן טאָלסטאָיען אין כיירעם. לענין האָט געשריבן: „אָט דער אופּטו ווערט אים (דעם הייליקסטן סינאָד. — א. ש.) פאַרעכנט ווערן אין דעם מאָמענט, ווען דאָס פאָלק וועט זיך צערעכענען מיט די טשינאָווניקעס אין גאָלאָכישע ריזעס, מיט די גאָטספאָרכטיקע זשאַנדאַרמען, מיט די פינצטערע אינקוויזיטאָרן, וועלכע האָבן אונטערגעהאַלטן די פּאָגראָמען קעגן ייִדן און אַנדערע אופּטועז פון דער שוואַרצמייעדיקער צאַרישער קנופּיע“[1].

ווי שטענדיק, ווען די עפנטלעכקייט איז געווען אופגעבראַכט, האָבן קיין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ געגומען גיין אָן א שיר בריוו מיט דער ביטע צו טאָלסטאָיען, ער זאָל זיך אַרויסזאָגן וועגן אָט דער שוידערלעכער געשעעניש. טאָלסטאָי אַליין האָט, נאָך איידער ער האָט באַקומען אָט די באַקאָשע, געפונען פאַר נייטיק עפנטלעך פאַרורטיילן די צאַרישע רעגירונג. ער האָט דאָס געטאָן אין א ריי בריוו, וועלכע זיינען געווען אויסגערעכנט אף א ברייטער פאַרשפּרייטונג. ער האָט אויך דעמאָנסטראַטיוו אָפּגעגעבן אין פאַרלאַג זיינע נייע ווערק מיט דעם טנאַי, אַז <u>דער האָנאָראַר פאַר זיי זאָל גיין לעטויוועס די קאָרבאָנעס פונעם פּאָגראָם.</u>

אינמיטן אַפּרעל 1903 האָט טאָלסטאָי באַקומען פון מאָסקווע א פאָרשלאָג פונעם באַוווסטן היסטאָריקער, פאָרשער פון שעקספּירס שאַפונג, פּראָפ. נ. אי. סטאָראָזשענקאָ, ער זאָל אונטערשרייבן דעם קאָלעקטיוון בריוו פון א גרופּע מאָסקווער אינטעליגענטן, וועלכער פאַרורטיילט די אָרגאַניזאַטאָרן פונעם פּאָגראָם. אינעם בריוו ווערט אויסגעדריקט גרענעצלאָזער האַס און עקל צו יענע, וואָס האָבן געגרייט דעם פּאָגראָם און געהעצט דעם האַמוין, צאָרן קעגן די, וואָס „האָבן זיך גנעדיק באַציגן צו דער דאָזיקער גרוילעקער זאַך“. אויסער נ. אי. סטאָראָזשענקאָ האָבן דעם בריוו אונטערגעשריבן די געלערנטע וו. ווערנאַדסקי, אי. זאַבעלין, ד. יאַנאַראָוו, נ. אומאָוו, דער שוישפּילער א. סומבאַטאָוו־יוזשין, דער געריכט־טוער נ. דאַווידאָוו און אַנדערע באַוווסטע פּערזענלעכקייטן. טאָלסטאָי האָט גערן געשטעלט זיין כסימע אונטער דעם דאָזיקן בריוו.

נאָך שאַרפער האָט טאָלסטאָי פאַרורטיילט דעם קעשענעווער ראָצכישן אַקט אין זיין בריוו צום באַוווסטן פּיאַניסט ד. שאָר. טאָלסטאָי האָט געשריבן, אַז ווען ער האָט נאָך ניט געוווּסט קיין פּראָטים, האָט ער, באַקענענדיק זיך מיט די ערשטע צייטונגס־מיטיילונג, איבערגעלעבט א געפיל פון שוידער, האָבנדיק אין זינען דעם „עמעסן שולדיקן אין דעם אַלעמען“, די צאַרישע רעגירונג מיט איר „ראָצכישער קנופּיע טשינאָווניקעס“. „די קעשענעווער רעציכע, — האָט געשריבן ל. טאָלסטאָי, — איז א דירעקטער רעזולטאַט פון דער פאַרשפּרייטונג פון שקאַרע און געוואַלט, וואָס די רוסישע רעגירונג פירט מיט אַזאַ אָנשטרענגונג און אַקשאָנעס“.

טאָלסטאָיס שאַרפע ווערטער קעגן דעם צאַריזם און דער אָפיציעלער קירך האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט געדרוקט ווערן אין דער לעגאַלער פּרעסע, זיי זיינען אָבער פאַרשפּרייט געוואָרן אין לאַנד אין טויזנטער בלעטלעך, געשריבענע פון דער האַנט און אף העקטאָגראַף, אַלס ענטפער דערויף האָבן די שוואַרצמייעדיקע צייטונגען גענומען העצן קעגן טאָלסטאָיען, באַשיטן אים מיט זידלערייען און דראָונגען.

<u>סאָף אַפּרעל 1903</u> האָט טאָלסטאָי באַקומען פון שאָלעם־אַלייכעמען, פון קיִעוו, א בריוו, אין ער האָט אים מיטגעטיילט, אַז ער קלייַבט זיך אַרויסגעבן אף ייִדיש, לעטויוועס די קאָרבאָנעס פונעם פּאָגראָם, א ליטעראַרישן זאַמלבוך מיט אָנטייל פון די בעסטע שרייַבער פון רוסלאַנד. דער ציל פונעם זאַמלבוך איז, לויט שאָלעם־אַלייכעמס ווערטער, ניט בלויז געבן מאַטעריעלע הילף די געליטענע, נאָר אויך דעמאָנסטראַטיוו אויסדריקן די אַנטשיידענע פאַרורטיילונג פון דער רעאַקציאָנערער פּאָליטיק פונעם צאַריזם.

שאָלעם־אַלייכעם האָט געשריבן צו טאָלסטאָיען ניט בלויז דערפאַר, וואָס ער האָט אים געהאַלטן פאַר דעם אַלגעמיין אָנערקענטן ריזן פון דער ליטעראַטור פון יענער צייט און זיין א וואָרט האָט אַרויסגערופן א רעזאָנאַנס אין גאָר דער וועלט. דער אוטאָר פונעם נאָרוואָ דערשינענעם ראָמאַן «Воскресение» איז געווען נאָענט שאָלעם־אַלייכעמען לויט זיינע אידייִש־שעפערישע פּרינציפּן — מיט זיין טרייַהייט צום לעבנס־עמעס, מיט זיין דרייסטקייט אינעם שטעלן געזעלשאַפטלעכע פראַגן.

שאָלעם־אַלייכעמס בריוו האָט צוגעצויגן טאָלסטאָיס אופמערקזאַמקייט. צי האָט טאָלסטאָי פריִער געוווּסט, אַז עס איז פאַראַן א ייִדישע

[1] В. И. Ленин. Полное собрание сочинений, т. 20, стр. 22.

נער שאָלעם-אַלייכעם? געוויס יאָ. דער נאָ-
טאָלעם-אַלייכעם איז אין יענער צײַט גע-
ווייער פּאָפּולער. טאָלסטאָי האָט אים גע-
ן אַף די זײַטן פון פאַרשיידענע זשורנאַלן.
אין פאַראַן א גרונט צו האַלטן, אַז מיט א
נער צײַט פריִער האָט גאָרקי מיט סימפּאַ-
דערציילט טאָלסטאָיען וועגן שאָלעם-אַליי-
בתן. פונקט דאַן—אין האַרבסט און ווינטער פון
ן — האָט גאָרקי זיך דורכגעשריבן מיט שאָ-
-אַלייכעמען און קימאַט אַלע טאָג האָט ער
געטראָפן מיט טאָלסטאָיען אין קרים, אין
פּרע. ער איז געווען פאַרכאַפּט פון דער
ארויסצוגעבן אַן אַנטאָלאָגיע פון דערציי-
ן פון יידישע שרײַבער. דערמיט איז,
לעך, צו דערקלערן דער טיף פרײַנטלעכער
מיט וועלכן טאָלסטאָי האָט געענטפערט אַף
-אַלייכעמס בריוו. טאָלסטאָי האָט ווידער
א שאַרפער פאָרם פאַרורטיילט דעם הויפּט-
דיקן אינעם קעשענעווער פּאָגראָם — די צאַ-
רעגירונג, וועלכע האָט זיך באַמיט צו
ייטן מאַכלויכעס צווישן „א געוויסן טייל —
ניט אינעם פאָלקס-טייל — פון דער רוסי-
באַפעלקערונג". „ליידער, — האָט ער צוגע-
— קאָן איך דאָס ניט זאָגן אין א רוסי-
לעגאַלער אויסגאַבע". וואָס שײַעך דעם
ל אינעם זאַמלבוך, האָט טאָלסטאָי צוגע-
שאָלעם-אַלייכעמען פולע הילף. „איך וועל
ווייער צופרידן צו מיטהעלפן אײַער זאַמל-
און וועל זיך באַמיִען אָנשרײַבן עפּעס
ם, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן די אומשטענדן".
טאָלסטאָיס בריוו האָט באַפליגלט שאָלעם-
-עמען, און ער האָט זיך הייס גענומען צום
ווירקלעכן דעם פאַרטראַכט.

ען טאָלסטאָי האָט צוגעזאָגט שאָלעם-אַליי-
ן צו געבן „עפּעס" אין זײַן זאַמלבוך, האָט
נאָך אַליין ניט געוווּסט, וואָס ער קאָן געבן.
זײַן „וואַרשטאַט" איז דעמלט געלעגן די
דערציילונג „כאַדזשי מוראַט", געשריבן
ווארץ, זי איז נאָך אָבער געווען ווײַט ניט
ענדיקט. א צווייטע אַרבעט, וואָס ער האָט
-הויבן — אַן אַרטיקל „צו די פּאָליטישע טו-
— האָט פאַרמאָגט וויי‌ניק שאַנסן, אַז די
זאָל עס דורכלאָזן. טאָלסטאָי האָט ערשט
-רפּט באַשליסן, וועגן וואָס ער זאָל שרײַבן
ן יידישן זאַמלבוך.

ביז וואָס-ווען האָט שאָלעם-אַלייכעם גע-
ט זיך מיט דער זעלבער ביטע צו א רייי
-רע שרײַבער, דערונטער צו טשעכאָוון און
-אָלענקאָן, און האָט באַקומען פון זיי דער-
-רנדיקע ענטפערס. א. פּ. טשעכאָוו האָט
-זאָגט אָנשרײַבן א דערציילונג, אויב די
ק וועט אים ניט שטערן. „וואָס שײַעך
ת שוין אָפּגעדרוקטע דערציילונגען, — האָט
געשריבן, — זײַנען זיי פולשטענדיק אין
רעשוס, און פונעם איבערזעצן זיי אַף
ן און אָפּדרוקן אינעם זאַמלבוך לעטויוועס
-ען, וועלכע האָבן געליטן אין קעשענעוו,
איך האָבן בלויז פאַרגעניגן".

ו. ג. קאָראָלענקאָ, וואָס האָט זיך נאָרוואָס אומגעקערט פון קעשענעוו, ווו ער האָט זיך אַפן אָרט באַקאַנט מיט דער לאַגע, האָט געשריבן שאָלעם-אַלייכעמען: „שוין לאַנג, אַז איך האָב ניט איבערגעלעבט אַזעלכע שווערע מינוטן, ווי אין די עטלעכע טעג, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין קעשענעוו". ער האָט גערן דערלויבט צו איבערזעצן און אָפּדרוקן אינעם זאַמלבוך קאַפּיטלען פון זײַן דערציילונג „דער בלינדער מוזיקאַנט", וועלכע האָט דעמלט געהאַט גרויס דערפאָלג. שטיצן דעם זאַמלבוך האָבן צוגעזאָגט אויך אַנדערע שרײַבער.

פאָרויסזעענדיק א גרויסן דערפאָלג פונעם פאַרטראַכטן פּלאַן, האָט שאָלעם-אַלייכעם זיך צונויפגערעדט מיטן וואַרשעווער פאַרלאַג „פאָלקס-בילדונג" וועגן אַרויסגעבן דאָס זאַמלבוך וואָס גיכער. צו טאָלסטאָיען האָט ער אַלס ענטפער אַף זײַן האַרציקן בריוו געשריבן דעם 10 מײַ 1903:

„טיף געשעצטער לעוו ניקאָלײַעוויטש! א דאַנק אײַך פאַרן גיכן ענטפער, פאַר די וואַרעמע ווערטער און פאַר דער גרייטקײַט צו אָנטיילנעמען אין אונדזער נאָבעלן איניען. עס וואָלט געווען אָנגענעם צו האָפן, אַז די זאַך, וועלכע איר זאָגט צו, וועט צוגעשיקט ווערן וואָס פריִער און, יעדנפאַלס, אויב איר האָט א מעגלעכקײַט, באַשטימט אונדז א טערמין. מיר וואָלטן דעמלט געקאָנט צו וויסן געבן וועגן דעם אין די יידישע צײַטונגען, וועלכע דערשײַנען אַף זשאַרגאָן, און די אָבאָנירונג אַף אונדזער זאַמלבוך וואָלט היפּש געשטיגן".

אָט דער בריוו שאָלעם-אַלייכעמס און נאָך צוויי וואַרעמע בריוו, וועלכע טאָלסטאָי האָט באַקומען, האָבן פאַרשטאַרקט בא אים די קאַוואָנע אָנצושרײַבן א ווערק פאַרן יידישן זאַמלבוך. אינמיטן יול האָט ער אָפּגעלייגט אַלע איניאָנים און גענומען זיך פאַר דער אַרבעט.

צוערשט האָט טאָלסטאָי בעדייע געהאַט צו אָנשרײַבן פאַר שאָלעם-אַלייכעמס זאַמלבוך די שוין לאַנג פאַרטראַכטע דערציילונג, וועלכע האָט שפּעטער באַקומען דעם נאָמען „נאָכן באַל". דאָס איז צו זען פון די נאָטיצן אין זײַן טאָגבוך פון די דאָזיקע טעג. דעם 9 יון 1903, אַשטייגער, האָט ער צווישן די אַנדערע קינסטלערישע פאַרטראַכטן אָנגערופן די „דערציילונג וועגן א באַל און אונטער די ריטער". דעם 18 יון האָט ער אין זײַן טאָגבוך דעשיפרירט דעם דאָזיקן פאַרטראַכט: „אינעם יידישן זאַמלבוך: א פריילעכער באַל אין קאַזאַן, איך בין פאַרליבט אין קאָריישאַ די יעפּאַסטויאַר, די טאָכטער פונעם פּאָליאַק דעם מיליטער-שעף, איך טאַנץ מיט איר. איר פאַרשוין דער אַלטער פאָטער נעמט זי צערטלעך אונטער דער האַנט און גייט מיט איר טאַנצן א מאַזורקע. און אינדערפרי נאָך דער שלאָפלאָזער ליבע-נאַכט האָבן די באַראַבאַן-קלאַנגען געטריבן אונטער די רייטער א טאָטער, און דער מיליטער-שעף באַפוילט צו שמײַסן שטאַרקער".

דער אויסוואַל פונעם סוזשעט איז געווען

ניט צופעליק. די דערציילונג וועגן דעם, וויאזוי מע טרייבט אונטער די ריטער א סאָלדאט, ד. ה. ווי מע דערפירט אן אומשולדיקן מענטשן צו א לאנגזאמען, פיינפולן טויט, האָט געדארפט שארף כאראקטעריזירן די טעמפּע אכזאָריעס פון דער צארישער אָרדענונג. ניט צופעליק איז געווען אויך דאָס, וואָס אלס קאָרבן פונעם ווילקיר איז פארטראכט געוואָרן א סאָלדאט א טאָטער, ד. ה. א פאָרשטייער פון אן אונטערדריקטער פעלקערשאפט. דאָס אלץ האָט געדארפט אמבעסטן איבערגעבן טאָלסטאָיס באציונג צו דער שרעקלעכער געשעעניש, וואָס איר איז געווידמעט דאָס זאמלבוך. אָבער זייענדיק זיכער, אז אָנשרייבן און באארבעטן די דערציילונג וועט אָפּנעמען א סאך צייט, האָט טאָלסטאָי גענומען זיך צו א צווייטן לאנג פארטראכטן פּלאן — צו א סעריע פילאָסאָפישע מייסעס און לעגענדעס, וועלכע האָבן באקומען דעם נאָמען „דער מיילעך פון אשור אשארכאדאָן", „דריי פראגן", „ארבעט, טויט און קרענק", „דאָס ביסטר". איבער אָט די מייסעס האָט ער אָנגעשטרענגט געארבעט אין יול — אווגוסט 1903.

וואָס זיינען דאָס פארא מייסעס? אין וואָס באשטייט זייער הויפּט־געדאנק?

אין דער מייסע „דער מיילעך פון אשור אשארכאדאָן" ווערט דערציילט, וויאזוי דער אלמעכטיקער הערשער פון מיזרעך האָט נאָכן זיג איבערן מיליטער פון זיין סוינע, דעם מיילעך לאיליא, און נאָכן פארוואנדלען זיינע אונטערטאנער אין שקלאפן צוגעטראכט פאר אים א גרויזאמען טויט. נאָר איינער א זאָקן א כאָכעם האָט איינגערעדט דעם אלמעכטיקן אשארכאדאָן, ער זאָל אָף א רעגע אריינגיין אין א קישעף־וואנע. אין אָט דער רעגע האָט דער הערשער איבערגעלעבט די אלע פיינען און ליידן, וועלכע ער האָט צוגעגרייט פאר זיין באזיגטן סוינע. זיי האָבן ארויסגערופן בא אים א שוידער, האָט ער דעם געפאנגענעם מיילעך און זיינע אונטערטאנער אָפּגעלאָזט אָף דער פריי.

ענלעך צו דעם איז אויך דער אינהאלט פון דער בודישער מייסע „דאָס ביסטר". די צוויי אנדערע מייסעס, ריכטיקער לעגענדעס, זיינען געגעבן אין א מעשאָלים־שפּראך און זיינען געווענדט קעגן די איינגעבוירענע „קראנקייטן" פון דער אייגנטימערישער וועלט—גיריקייט, גייציקייט, אונטערדריקונג פון איין מענטש דורכן צווייטן. די אלע מייסעס זיינען דורכגעדרונגען מיטן געדאנק: גוטסקייט, ערלעכקייט, יוישער, גנעדיקייט — איז דער יעסאָד פונעם געזעלשאפטלעכן לעבן פון די מענטשן. דעם מענטשנס גליק איז ניט אין אונטערדריקן א צווייטן מענטשן, ניט אינעם גרויזאמען באגיין זיך מיט אים, נאָר אין דער אייגנהייט און פריינטשאפט מיט אנדערע מענטשן לעשעם דעם אלגעמיינעם גליק.

פארענדיקט די ערשטע צוויי מייסעס, האָט טאָלסטאָי טייקעף ארויסגעשיקט זיי שאָלעם־אליינכעמען. „איך וועל זיין זייער צופרידן, — האָט ער געשריבן דעם 20 אווגוסט 1903, — אויב דאָס אָפּדרוקן די דאָזיקע מייסעס אינעם זאמלבוך וועט וויפל־ניט־איז מיטהעלפן דעם דערפאָלג פון אָט דער אויסגאבע". אין עטלעכע טעג ארום האָט ער ארויסגעשיקט אויך די צוויי אנדערע מייסעס און א קורץ פאָרוואָרט, וווּ ער האָט אָנגעוויזן די קוועלן, פונוואנען ער האָט געשעפּט די סוזשעטן, וועלכע ער האָט באארבעט.

די מייסע־ווערק און אויך דאָס פאָרוואָרט פונעם גרויסן שרייבער האָבן ארויסגערופן א פרייד בא שאָלעם־אליינכעמען, און ער האָט זיך טייקעף גענומען צום איבערזעצן זיי. דאָס איז געווען ניט קיין געוויינלעכע ארבעט. א פּרעכטיקער סטיליסט, א גרויסער מייסטער פון דער פאָלקס־שפּראך, האָט ער זיך באמיט ניט בלויז פּינקטלעך איבערזעצן דעם אינהאלט פון די מייסעלעך, נאָר צופראווען זיי, ווי דאָס האָט געטאָן טאָלסטאָי, מיטן אראָמאט פון אלטע לעגענדעס און מייסעלעך. אונטער זיין פען האָבן די מייסעס באקומען דעם כאראקטער פון א פיין סטיליזירט ווערק פון מיזרעכדיקן פאָלקלאָר. מיט א באזונדער מייסטערשאפט האָט ער איבערגעגעבן אין דער איבערזעצונג די רייד פון די פּערסאָנאזשן, — ער האָט זיי אינדיווידואליזירט אין העסקעם מיטן כאראקטער און טיטל פון די פּערזאָנען (מיילעך, דינער, כאָכעם אאוו.). צוזאמען דערמיט, זיינען די קלוגע מייסעס געוואָרן צוטריטלעך אפילע פאר דעם סאמע ניט צוגעגרייטן לייענער.

שאָלעם־אליינכעם האָט זיך באזונדערס גע־זאָרגט וועגן דער היסטאָרישער פּינקטלעכקייט פון די נעמען פון די פּערסאָנאזשן. ער האָט זייער אופמערקזאם פעסטגעשטעלט, ווען און ווּ עס האָבן געלעבט און געארבעט די הערשער, וועלכע ווערן דערמאָנט אין די מייסעס, און וועלכע זיינען געווען זייערע פּינקטלעכע נעמען. וועגן דער דאָזיקער פראגע האָט ער זיך דורכגעשריבן מיט טאָלסטאָיען און אויך מיט זיין טאָכטער ט. ל. סוכאָטינאַ[1], ער האָט זיי באקאנט געמאכט מיט זיינע פאָרשונגען און באקומען זייער פולע באוויליקונג.

ענדלעך, האָט שאָלעם־אליינכעם פארענדיקט די איבערזעצונג און דעם 23 אווגוסט 1903 האָט ער אָנגעשריבן טאָלסטאָיען:

„טיף געשעצטער לעוו ניקאָלייעוויטש! איך האָב באקומען אייערע צוויי פּרעכטיקע מייסעלעך און איך האַלט ניט, אז איך האָב דאָס רעכט צו דאנקען איך, ערשטנס, דערפאר, וויל ניט צוליב דעם האָט איר זיי געשריבן, און, צווייטנס, דערפאר, ווייל א דאנק וועלן אייך זאָגן די טויזנטער ייִדן, וועלכע זיינען באאוולט געוואָרן אין קעשענעוו און די צענדליקער (און עפּשער הונדערטער) טויזנטער לייענער, וואָס וועלן צום ערשטן מאָל דערזען אייערע ווערק, וואָס זיינען פאר זיי געשריבן".

---

[1] די קאָרעספּאָנדענץ איז ניט פארעפנטלעכט. ווערט געהיט אין מאנוסקריפּטן־אָפּטייל פונעם מלוכישן ל. נ. טאָלסטאָי־מוזיי.

און װײַטער: „פֿאַרהיטנדיק דעם געדאַנק, תם גײַסט און דעם בוכשטעבלעכן אינהאַלט פֿון ערע מײַסעלעך, האָב איך זיך באַמיט איבער־ גבן זיי מיט דער שײנקײַט, װעלכע איז אײגנ־ טלעך פֿאַר אונדזער פֿאָלקס־שפּראַך, װעלכע ין אויסערגעוויינלעך פּאָשעט און צוזאַמען תרמיט בילדעריש". „אין אַלגעמײן, — שרײַבט ם סאָף שאָלעם־אַלייכעם, — דאַרף איך אײַך אָגן, אַז אין דער איבערזעצונג זײַנען די מײַ־ סלעך אַרויסגעקומען אַזוי, ווי איר וואָלט זיי שריבן אַף ייִדיש. קיינע איבערזעצונגס־שפּורן נען אין זיי ניט צו מערקן".

דער פֿאַקט, וואָס טאָלסטאָי האָט איבערגע־ גבן זײַנע ווערק אַף צו דרוקן פֿריִער אַף דיש, האָט אַרויסגערופֿן די פּראָבלעם — ווען, און וויאַזוי פּובליקירן זיי אַף דער שפּראַך נעם אָריגינאַל און אַף אַנדערע שפּראַכן? עס ין געווען אַ געפֿאַר, אַז ווען דאָס זאַמלבוך יטס אַרויס פֿון דרוק, וועלן זיך געפֿינען פּיפּי־ ם פֿאַרלעגער, וואָס וועלן אָן טאָלסטאָיס דער־ לויבעניש איבערזעצן די מײַסעס צוריק אַף... סיש און פֿאַרקריפּלען זיי. וועגן דעם האָט . ג. טשערטקאָוו, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן אָלסטאָיס ווערק אין אויסלאַנד, מיט אומרו שריבן קיין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, און דער פֿאַר־ ײנער פֿון טאָלסטאָיס ווערק אין רוסלאַנד א. בולאַנזשע האָט אָנגעשריבן שאָלעם־אַליי־ כעמען, ווי שטאַרק אָט די פֿראַגע באַאומרויִקט ט. קעדיי אויסמײַדן אַזאַ געפֿאַר, און אין דער לבער צײַט ניט אַראָפּרײַסן דעם מאַטעריעלן רפֿאָלג פֿונעם זאַמלבוך, האָט שאָלעם־אַליי־ כם פֿאַרטראַכט אַליין אַרויסגעבן — מיט דעם לבן פֿילאַנטראָפּישן ציל — טאָלסטאָיס מײַסע־ לעך אַף רוסיש, בײַ אים האָט זיך דאָך געהיט ער פּינקטלעכער טעקסט פֿונעם אַוטאָר. בעטנ־ דיק אַ דערלויבעניש, האָט שאָלעם־אַלייכעם יי מאָל אָנגעשריבן וועגן דעם טאָלסטאָיען, יך זײַן טאָכטער טאַטיאַנאַ לוואָוונאַ (די בריוו נען ניט פּובליקירט). טאָלסטאָי האָט געגעבן אָנווײַזונג טשערטקאָוון און בידיוקאָוון, זיי לן צוזוואַרטן מיטן אַרויסגעבן די מײַסעלעך, זיי וועלן ניט דערשײַנען און פֿאַרשפּרייט רן אין שאָלעם־אַלייכעמס אויסגאַבע. „איך ין, — האָט ער געשריבן טשערטקאָוון קיין נדאָן דעם 24 אויגוסט 1903, — אַז מע דאַרף ן אַרויסגעבן זיי (די מײַסעלעך. — א. ש.) אין רוסיש, ניט אין ענגליש, ניט אַף קיין ראַך... ביז עס וועט ניט אַרויס דאָס זאַמלבוך, אַפֿילו אַ ביסל שפּעטער". שאָלעם־אַלייכע־ ן האָט טאָלסטאָי געשריבן דעם 7 סענטיאַ־ ר 1903:

.סײַ טשערטקאָוו, סײַ בולאַנזשע — מײַנע נטע פֿרײַנט — זײַנען ניט אויסן קיינע פּער־ לעכע אינטערעסן, זיי ווילן, פּונקט ווי איך, זאָל האָבן דעם גרעסטן דערפֿאָלג דער ציל, יב וועלכן עס זײַנען געשריבן די מײַסעלעך, דעריבער בין איך זיכער, אַז איר וועט זיך יידן מיט זיי און אײַנשטעלן באַדינגונגען, לכע וועלן אַלעמען באַפֿרידיקן".

אַזוי איז טאַקע געווען, שאָלעם־אַלייכעם האָט זיך צונויפֿגעשריבן מיט טשערטקאָוון און מיט בולאַנזשע (די קאָרעספּאָנדענץ צווישן זיי איז ניט פּובליקירט), און אַלע פֿראַגן זײַנען שנעל געלייזט געוואָרן. אָבער די צאַרישע צענ־ זור האָט אין לעצטן מאָמענט פֿאַרבאָטן שאָלעם־ אַלייכעמען אַרויסצוגעבן טאָלסטאָיס מײַסעלעך אין רוסיש, און זיי זײַנען שפּעטער, אויסער דער קאַטעגאָריש פֿאַרבאָטענער לעגענדע „אַר־ בעט, טויט און קרענק", דערשינען אינעם פֿאַר־ לאַג „פּאָסרעדניק".

שאָלעם־אַלייכעמס זאַמלבוך „הילף" איז דערשינען אין וואַרשע אין אָנהייב 1904. כּוץ די דרײַ מײַסעלעך טאָלסטאָיס (דאָס מײַסעלע „דאָס ביסטר" איז אינעם זאַמלבוך ניט אַרײַן) און טאָלסטאָיס קורצן פֿאָרוואָרט צו זיי איז אינעם בוך אָפּגעדרוקט שאָלעם־אַלייכעמס דערציילונג „הונדערט איינס", וו. ג. קאָראָלענקאָס עסיי „באַנאַכט", וו. דאָראָשעוויטשעס דערציילונג „עליִאָהו האַנאָווי", אויך עסייען און דערציילונ־ גען פֿון די בעסטע ייִדישע שרײַבער.

דאָס זאַמלבוך האָט אַרויסגערופֿן גרויס אינ־ טערעס צווישן די לייענער און איז שנעל אויס־ פֿאַרקויפֿט געוואָרן. די האַכנאָסע איז איבערגע־ געבן געוואָרן אינעם פֿאָנד פֿון הילף די קאָרבאָ־ נעס פֿונעם פּאָגראָם. דעם ערשטן עקזעמפּליאַר פֿונעם זאַמלבוך האָט שאָלעם־אַלייכעם צוגע־ שיקט טאָלסטאָיען, „אַלס אויסדרוק פֿון אופֿריכ־ טיקער דאַנקבאַרקײַט פֿונעם ייִדישן לייענער־פּו־ בליקום, פֿון דעם פֿאַרלעגער און פֿונעם איבער־ זעצער" (פֿונעם בריוו פֿאַרן 14 פֿעברואַל 1904).

די פֿרײַנטלעכע קאָרעספּאָנדענץ מיט טאָל־ סטאָיען, טשעכאָוון און קאָראָלענקאָן, און נאָך פֿריִער מיט גאָרקין, האָט פֿאַרשטאַרקט בײַ שאָ־ לעם־אַלייכעמען דעם געדאַנק, אַז עס איז נײ־ טיק אײַנצושטעלן אַן ענגערע פֿאַרבינדונג צווישן דער ייִדישער ליטעראַטור און דער רו־ סישער, איבערזעצן די בעסטע ווערק פֿון דער רוסישער קלאַסיק אַף ייִדיש, אין דער זעלבער צײַט שאַפֿן אין רוסיש אַ ביבליאָטעק פֿון די בעסטע ווערק פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. וועגן דעם האָט ער אָפֿט געשריבן זײַנע פֿרײַנט, אָבער דעם טרוים איז ניט באַשערט געווען צו פֿאַרווירקלעכט ווערן. די צאַרישע רעגירונג האָט אַנטשיידן געמאַכט אַ סאָף צו אַזאַ פּרוּוו. שאָ־ לעם־אַלייכעמען אַליין האָט (צוליב זײַן קאָרעס־ פּאָנדענץ מיט גאָרקין און טאָלסטאָיען) ניט אַרויסגעלאָזט פֿון אויג די אָכראַנקע. „איך ווייס, — האָט ער געשריבן צו זײַן ברודער, — אַז דערמיט, וואָס איך האָב געשלאָסן אַ בונד מיט טאָלסטאָיען און מיט גאָרקין, האָב איך אָנ־ געלעבט אַ היפּש ביסל סאָנים. שפּעטער וועלן אַזעלכע סאָנים ווערן מער. ווער ווייסט, עפּשער גייט מיר שוין נאָך פּוסטריט אַ פֿרעמדער שאָטן". „דערפֿאַר, — האָט ער צוגעגעבן, — האָב איך געוווּנען מײַנע בעסטע פֿרײַנט". ווײַטער: „איך וועל אומבאַדינגט זײַן בײַ גאָרקין. עפּשער

וועל איך זען זיך מיט לעוו טאָלסטאָיען. איך דאַרף נייטיק מיט זיי אַ שמועס טאָן"[1].

אינגיכן האָט ער טאַקע געטראָפן זיך מיט גאָרקין. דאָס איז געווען אין פּעטערבורג, אין נאָיאַבער 1904. „ער האָט מיך אויפגענומען כאַ־ וועריש, — האָט שאָלעם־עליכעם געשריבן צו זײַנע קינדער. — נאָך די ערשטע ווערטער האָט ער מיך באַקוקט פון קאָפּ ביז די פיס און אײַנ־ געלאַדן אין עסצימער טרינקען טיי. און עס איז אוועק בײַ אונדז אַ שמועס וועגן ליטעראַטור בכלל און וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור בפרט. איך האָב ניט באַוויזן, כ'לעבן, אַרומקוקן זיך, ווי עס איז שוין אַריבער אַ שאָ צײַט... ער האָט געבעטן, איך זאָל קומען צו אים פאָשעט".

שפּעטער האָט שאָלעם־עליכעם דורכגע־ שריבן זיך מיט גאָרקין. עס זײַנען איצט באַ־ וווּסט זײַנע פינף בריוו צו גאָרקין, וועלכע באַלאַנגען צו די יאָרן 1910—1912. זען זיך מיט טאָלסטאָיען איז אים ניט אויסגעקומען, אָבער זייערע קאָנטאַקטן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אַזוי גליקלעך, זײַנען ניט איבערגעריסן געוואָרן. אין ברען פון דער ערשטער רוסישער רעוואָליו־ ציע, ווען שאָלעם־עליכעם האָט געשאַפן זײַנע שאַרפע סאַטירישע ווערק (דעם פּאַמפלעט „דער פּעטער פּיניע און די מומע רייזע", די ליד „שלאָף, אַלעקסע" אאַ.), וואָס אַ סאַך פון זיי האָבן, לויט זייער אינהאַלט, זיך איבערגערופן מיט טאָלסטאָיס דעמאַסקירנדיקע אַרויסטרעטונ־ גען, האָט ער אין זײַנעם אַ בריוו צום גרויסן רוסישן שרײַבער (פון 30 אָקטיאַבער 1905) גע־ רופן נאָך אַקטיווער אַרויסטרעטן קעגן דעם נאַציאָנאַלן דרוק און דער רעכטלאָזיקייט אין רוסלאַנד.

שפּעטער, אין 1910, ווען שאָלעם־עליכעם האָט צוליב זײַן שווערער קרענק זיך געפונען אין נערווי (איטאַליע), האָט ער צוגעשיקט טאָלסטאָיען דעם ערשטן באַנד פון זײַנע אויס־ געוויילטע ווערק, וועלכע זײַנען דעמלט דער־ שינען אַף רוסיש אין פּעטערבורג, אינעם פאַר־ לאַג „סאָוורעמעניע פּראָבלעמי". דער באַנד האָט געהייסן „קינדער פון טכום־האַמוישעוו".

צום באַדויערן, אָבער, איז צו טאָל־ סטאָיען דאָס בוך ניט דערגאַנגען. אָנשטאָט אָט דער דאָזיקער אויסגאַבע האָט דער פאַרלאַג אַרויסגעשיקט טאָלסטאָיען דעם דריטן באַנד פון שאָלעם־עליכעמס ווערק, וואָס הייסט „קליינע מענטשעלעך". אויך דאָס דאָזיקע בוך האָט פאַרשאַפן טאָלסטאָיען פרייד. ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט זײַן סעקרעטאַר וו. פ. בולגאַ־ קאָוו, האָט די מאַטאָנע דערמאָנט אים וועגן זײַן קאָרעספּאָנדענץ מיטן ייִדישן שרײַבער, וועל־ כער האָט געהאַט אַזאַ גוטן און הומאַנעם נאָמען, אַן ענלעכן אַפן אַראַבישן נאָמען „סעליאַם אַלייקום". די באַזונדערע צעשגיטענע בלעטלעך פונעם פאַרהיטן בוך באַווײַזן, אַז טאָלסטאָי האָט איבערגעלייענט די ערשטע דערציילונג. דאָס איז געווען אַ האַלב יאָר פאַר זײַן טויט. דעם קראַנקן שאָלעם־עליכעם איז שוין ניט באַשערט געווען צו טרעפן זיך מיט אים.

אַף טאָלסטאָיס טויט האָט שאָלעם־עליכעם אָפּגערופן זיך מיט אַ בריוו, ווו ער האָט מיט בענקשאַפט און ביטערן הומאָר אויסגעדריקט זײַן טיפן טרויער וועגן דעם פאַרלוסט און זײַן באַדויערונג, וואָס ער האָט מיט אים ניט גע־ זען זיך. אַף דער באַקאָשע פונעם רעדאַקטאָר פון זשורנאַל «Вегетарианское обозрение» אי. אָ. פּערפּער אַרויסצוזאָגן זיך וועגן טאָל־ סטאָיען, האָט שאָלעם־עליכעם געענטפערט:

„איר ווילט, איך זאָל אײַך שרײַבן עפּעס וועגן טאָלסטאָיען. אַך, מײַן גאָט! איך זאָל שרײַבן וועגן אַזאַ אויג מעלעך האַבאָשן פון דער ליטעראַטור? איך זאָל שרײַבן וועגן אַזאַ שימשון האַגיבער פון דער מענטשהײַט? עס פליט אַ קליין פליגעלע (מאָטיליאָק) און רײַסט זיך צו דער שײַן פון דער זון. שטעלט איר עס אָפּ און פרעגט בײַ אים: „זאָג מיר, פליגעלע, וואָס דענקסטו וועגן דער זון?".. איך האָב מיך קאָל־יאָמײַ געריסן צו דער דאָזיקער שײַנענדי־ קער, לײַכטנדיקער און וואַרעמענדיקער זון, וואָס האָט געהייסן „טאָלסטאָי". איך האָב זיך אַמאָל געהאַט דאָס וואָרט געגעבן: „כ'וועל ניט שטאַרבן, ביז איך וועל ניט זײַן אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ און זען טאָלסטאָיען...

מיר איז ניט אָפּגעגאָלטן צו זײַן אין יאַס־ נאַיאַ פּאָליאַנאַ... איך האָב ניט זוכע געווען צו קענען טאָלסטאָיען פערזענלעך — און דאָס וועט מיר באַנק טאָן ביז מײַן לעצטן טאָג אַף דער ערד. אפּאָנעם, ס'איז באַשערט, אַז מיר זאָלן זיך שוין טרעפן ערגעץ דאָרט, אַף יענער זײַט לעבן... נאָר אָט די באַגעגעניש וועט ניט אַזוי גיך פאָרקומען. עס ווילט זיך, זעט איר, נאָך אַ ביסל זיך אָנמוטשען אַף דער וועלט און זען וואָס וועט זײַן ווײַטער"...

שאָלעם־עליכעמען איז ניט באַשערט גע־ ווען „לאַנג צו מאַטערן זיך" אַף דער וועלט. די ערשטע וועלט־מילכאָמע האָט אים געטראָפן אַ שווער־קראַנקן אין דײַטשלאַנד, ווו ער האָט זיך געהיילט. מיט שוועריקײַטן איז ער אַרויסגע־ פאָרן פון דאָרט קיין דענעמאַרק. ניט האָבנדיק קיין מעגלעכקײַט דורכצורײַסן זיך אַהיים, קיין רוסלאַנד, איז ער נאָך לאַנגע וואָגלעניש אַרײַנגעפאַלן אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. „מיר, ייִדישע ליטעראַטן, — האָט ער זיך געקלאָגט, — זײַנען דאָרט, אינעם פריי־ לאַנד, פאַרשקלאַפט מער, איידער אַלע אַנדערע שקלאַפן פונעם קאַפּיטאַליזם". זײַענדיק מיט טויזנטער פעדעם פאַרבונדן מיט דער רוסישער ליטעראַטור, האָט שאָלעם־עליכעם געטרוימט „מיט דער ערשטער שיף" אומקערן זיך אַהיים. נאָר דעם דאָזיקן לעצטן טרוים איז ניט באַ־ שערט געווען צו מעקוים ווערן.

[1] פון וו. ראַבינאָוויטשעס „בוך וועגן מײַן ברו־ דער". „מאָלאָדאַיאַ גוואַרדיאַ", 1939, העפט 6, ז. 170.